# משיחת ש״פ וילך תשל״ה

[illegible]

בנוגע די הערות אויף זהר –

שטייט אין־זהר פון היינטיקע סדרה (רפד, ב): תלתא אינון דקיימו בסהדותא כו׳ באר דיצחק, גורל, ואבנא דשוי יהושע, און ער איז מפרש: באר דיצחק מנלן, דכתיב בעבור תהי׳ לי לעדה וגו׳.

שטעלט זיך דער טאטע אין די הערות, און פרעגט: דער פסוק בעבור תהי׳ לי לעדה (בראשית כא, ל) שטייט באר בא אברהם׳ן, איז פארוואס רופט אים אן דער זהר "באר דיצחק"? און ער ענטפערט, אז דאס איז מצד דערוף וואס באר דאברהם סתמו פלשתים אחרי מותו, ויצחק חפרו מחדש, הייסט ער דערפאר באר דיצחק.

אין פירוש הרמ"ז (ר׳ משה זכות) אויף זהר, פרעגט ער אויך די קשיא הנ"ל, אז דער פסוק בעבור תהי׳ לי לעדה שטייט בא אברהם׳ן, און ער ענטפערט: "הבאר שחפר (אברהם) הוא באר דיצחק".

דארף מען פארשטיין:

– דער רמ"ז ברענגט זיך אין חסידות זייער א סאך מאל, און בפרט פון צ"צ וואס ברענגט אים אראפ כמעט אין יעדער ארט וואו ער ברענגט א ענין פון זהר, און ביז אז עס זיינען דא ענינים אין כתבי האריז"ל וואס מ׳ווייס זיי נאר פון רמ"ז –

פארוואס לערנט ניט דער טאטע ווי דער רמ"ז, און דארף אנקומען צו אן אנדער תירוץ?

ובפרט, אז דער פירוש שבההערה איז לכאורה ניט נאר א פי׳ שונה פון פירוש הרמ"ז, נאר אויך א פי׳ הפכי: ווי ער לערנט אין די הערה קומט אויס אז דאס איז באמת בארו של <u>אברהם</u>, נאר מצד דעם וואס יצחק חפרו מחדש איז ער נקרא ע"ש יצחק; און לפי׳ הרמ"ז קומט אויס אז באמת איז דאס בארו של <u>יצחק</u>, נאר אברהם חפר בארו של יצחק,

דארף מען פארשטיין, וואס איז דער הכרח אויף לערנען ניט ווי דער פי׳ הרמ"ז?

וכפי שית׳ לקמן.

ז. בנוגע די הערות אויף זהר, איז צום סוף פון די הערה צייכנט ער צו – צו מעיין זיין אין תו"א ר"פ תולדות. און בשעה מען איז מעיין אין תו"א שם, זעט מען, אז ע"פ חסידות איז מער מתאים דער פי׳ ווי ער איז מפרש אין די הערה, און ניט כפי׳ הרמ"ז.

וואס דארט איז מבואר דער חילוק פון עבודה (און בארות) דאברהם, און עבודה (ובארות) דיצחק, אז די עבודה פון אברהם איז בעווען – המשכה מלמעלה למטה. ד.ה. אז זיין עבודה איז געווען אין קו החסד, וכמ"ש אברהם אוהבי, וואס דערפאר איז זיין עבודה געווען אין הכנסת אורחים, וואס דאס איז דאך א ענין פון המשכה מלמעלה למטה,

און ווי ס'זעט בפשטות אז דער אורח האט ניט די ענינים פון אכו"ש ולינה כו' און דער מכניס אורח גיט דאס אים, וואס דאס איז א ענין פון המשכה והשפעה מלמעלה למטה,

משא"כ די עבודה פון יצחק איז – העלאה מלמטה למעלה, קו הגבורה, וכמ"ש פחד יצחק הי' לי. וואס דערפאר איז זיין עבודה געווען אין חפירת בארות, צו אראפנעמען די עפר וכו' המכסים על המים, און מעלה זיין די מים של הבאר הנובעים מלמטה למעלה.

ועפי"ז איז ער מבאר דעם טעם פון דעם וואס די בארות שחפר אברהם <u>סתמום</u> פלשתים, און דוקא לאחרי ווי יצחק האט זיי חופר געווען האבן זיי געהאט א קיום – ווייל מצד דעם ענין פון חסד (אברהם), קען זיין א יניקה לחיצונים. משא"כ מצד בחינת הגבורה, חפירה דיצחק.

וואס דער ביאור אין דעם איז מובן ע"פ המבואר בתו"א פרשת בשלח (סא, סע"ב ואילך) בארוכה:

חסד איז התפשטות והרחבה. און פון דעם קען שפעטער ארויסקומען הרחבה אין לעו"ז. ד.ה. אז נאך דעם וואס בעת התפלה איז בא אים געווען די התעוררות האהבה והשמחה בקדושה, איז דערנאך <u>לאחרי</u> התפלה, ווען דער אור אלקי איז שוין בא אים ניט מאיר, עס איז אבער בא אים פארבליבן די תנועה פון התפשטות והרחבה – קען זיין, אז דערפון זאל ארויסקומען התפשטות והתרחבות בלעו"ז.

וואס דאס איז דער ביאור אויף דערויף וואס דער באר שחפר אברהם איז סתמום <u>פלשתים</u> דוקא (און ניט קיין אנדער אומה), ווארום פלשים איז מל' מבוי המפולש.

און דאס איז אויך דער ביאור אויף דערויף וואס דעם באר האט מען סותם געווען לאחר הסתלקות אברהם דוקא, ווייל בעת התפלה גופא, הערט ער דאך דעם אור אלקי. נאר דוקא לאחרי פוח אברהם, ווען ער איז שוין לאחרי התפלה און ביים אוועק אין הנהג בהם מנהג דרך ארץ, איז וויבאלד אז ביי אים איז פארבליבן די ברייטקייט און די התפשטות פון זיין עבודה, קען זיין א יניקה צו פלשתים (הרחבה) דקליפה.

און בכדי דאס צו באווארענען, דארף מען האבן די עבודה בבחי' גבורה, וואס מצד דעם וואס אין די עבודה פון גבורה שטייט ער אין א תנועה פון כווץ און צמצום, קען דארט ניט זיין קיין יניקה צו פלשתים. און דערפאר איז ווען יצחק (בחי' גבורה) האט חופר געווען די בארות מחדש, האבן זיי געהאט א קיום און ס'איז ניט געווען שייך אז פלשתים זאלן זיי סותם זיין נאכאמאל.

אבער אעפ"כ איז די חפירה דיצחק אליין ניט גענוג, און מען האט געדארפט האבן אז (אויך) אברהם זאל חופר זיין די בארות – ווייל מען דארף האבן אויך די עבודה אין קו החסד והאהבה, וואס ליה פולחנא כפולחנא דרחימותא,

נאר אין דערויף קען זיין צוויי אופנים, וואס דאס איז דער חילוק פון פירוש הרמ"ז מיט דעם פירוש פון טאטן.

איין אופן איז – אז דער עיקר העבודה באשטייט אין קבלה עול, כווץ וצמצום, נאר אזוי ווי עס דארף זיין עבדו את ה' בשמחה, איז פאראן אין זיין עבודה אויך שמחה.

וואס דאס איז דער פירוש הרמ"ז, אז די בארות גופא זיינען בארות יצחק, נאר ס'איז פאראן אין דעם אויך די עבודה דאברהם, שחפר את בארו של יצחק.

א צווייטער אופן איז – אז דער עיקר העבודה באשטייט אין אהבה ושמחה. נאר בכדי צו באווארענען אז עס זאל ניט זיין קיין יניקה צו פלשתים דלעו"ז, דארף מען האבן אז די אהבה ושמחה זאל זיין ע"י עבודה דקבלת עול.

און ווי ער איז מבאר אין תו"א (בשלח שם), בפירוש הפסוק ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא גו׳, אז בתחילת העבודה קען מען ניט אנפאנגען גלייך מיט שמחה, ווייל עס קען זיין א יניקה לבחי׳ פלשתים דלעו"ז, און דערפאר האט געדארפט זיין דער ויסב גו׳ דרך המדבר וואס דאס איז די הקדמה פון יו"א וקב"ע. אבער לאחרי די הקדמה, קען זיין שמחה בהתגלות. וואס אזוי איז דאך אויך בפשטות, אז נאך דעם וואס "ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים גו׳ ויסב גו׳ דרך המדבר גו׳", איז נאך דעם האט מען איינגענומען אויך ארץ פלשתים.

און דערפאר לערנט דער סאמע אז דער באר גופא איז באר דאברהם, ס׳איז מער ניט וואס אין דעם איז געווען אויך די חפירה דיצחק – ווייל ווי דער ענין איז ע"פ חסידות, אז דער עיקר העבודה איז אהבה [וכמבואר באריכה אין קונטרס העבודה אז יראה איז דא אויך במשך כל היום; און דער אויפטו פון עבודת התפלה איז אז יעמולט קומט מען צו צו אהבה], נאר עס דארף זיין די הכנה פון יראה וקב"ע, חפירה דיצחק.

וואס דער פי׳ איז מער מתאים אויך מצד פשטות הכתובים: אין פשטות האט דאך אברהם חופר געווען דעם באר, און דאס איז געווען פאר לידת יצחק, קען מען דאך ניט זאגן, אז דאס איז באר דיצחק.

וואס די צוויי ענינים געפינט מען אויך אין די עבודה פון אלול און אין די עבודה פון חודש תשרי: פריער דארף זיין די עבודה אין אן אופן פון וגילו ברעדה, וואס דאס איז בראש השנה וואס יעמולט איז דער בילה מכוסה ונעלם אין דעם רעדה – וואס דאס איז ע"ר פי׳ הרמ"ז,

און דערנאך קומט די שמחה משולשת פון חגה"ס און ביז די שמחה פון שמח"ת, וואס דאס איז דער תכלית העבודה, נאר פריער דארף זיין די הכנה און די הקדמה פון בכסה, און שפעטער קומט דאס ארויס בגילוי ליום חגינו,

און ביז מ׳וועט טאנצן מיט די ספרי תורה בקבלת פני מ"צ, בקרוב ממש.